אונזער קאמף פיהרען מיר פאר די רעכט און זיכערהייט פון די דייטשע יודען

היינט 10 זייטען

(פולע טאבעלע פון דער מלוכה-לאטעריע זייט 8) פרייז 15 גראשען

Oplata pocztowa uiszczona ryczaitem
NAJER FOLKSBLAT

# נייער פאלקסבלאט

| № 81 | לאדז, דינסטאג, ח' ניסן תרצ"ג | עלפטער יאהרגאנג | Łódź, Wtorek, 4 kwietnia 1933 r. | № 81 |
|---|---|---|---|---|

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71 — Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.

# סוף פון טעקסטיל-ארבייטער-שטרייק

## היינט הויבט מען שוין אן נארמאל ארבייטען אין דער גרויסער און מיטעלער טעקסטיל-אינדוסטריע

## די קליינע פאבריקאנטען האבען דעם אפמאך נאך נישט אונטערגעשריבען

(א) נעכטען זענען פארגעקומען אונ-טערהאנדלונגען ביים ארבייטס-אינספעקטאר, וועגען ליקווידירען דעם טעקסטיל-ארבייטער-שטרייק.

מצד די אינדוסטריעלער האבען זיך באטייליגט פארטרעטער פון די 4 טעקסטיל-פאבריקאנטען-פער-באנדען, וואס נעמען ארום די גרויסע און מיטעלע אינדוסטריע אויך אפיציעלע פארבענדען.

מצד די טעקסטיל-ארבייטער — 6 פראפ. טעק-סטיל-ארבייטער-פארבאנדען.

עס האט זיך געהאנדעלט וועגען ענטגילטיג אונטערצושרייבען דעם אפמאך, וועגען וועלכען עס איז געקומען צו א הסכם בעת די אונטערהאנדלונגען אין ווארשא.

נאכ'ן ארומרעדען איניגע ענצעלהייטען איז דער אפמאך אונטערגעשריבען געווארען דורך ביידע צדדים, אזוי ארום איז פארענדיגט געווארען דער שטרייק פון די טעקסטיל-ארבייטער פון דער גרוי-סער און מיטעלער אינדוסטריע, וואס האט געדויערט 4 וואכען צייט.

דער שטרייק אין דער קליינער טעקסטיל-אינ-דוסטריע דויערט ווייטער, צוליב דעם, וואס די נישט ארגאניזירטע קליינע פאבריקאנטען האבען דעם אפמאך נישט אונטערגעשריבען.

אין שייכות מיט'ן אונטערשרייבען דעם דע-מאנטען אפמאך, האבען נעכטען אין אווענד די פראפ. פעראיינען ארויסגעלאזען אן אויפרוף צו די ארבייטער, אז זיי זאלען היינט דינסטאג זיך צושטע-לען צו דער ארבייט, אין די פאבריקען פון דער גרוי-סער און מיטעלער אינדוסטריע.

די פאבריקאנטען פון דער קליינער אינדו-סטריע, דארפען זיך מעלדען צום ארבייטס-אינספעק-טאר, כדי אונטערצושרייבען דעם זעלבען אפמאך, וואס עס האבען אונטערגעשריבען די גרויסע אינ-דוסטריעלער. נאכ'ן אונטערשרייבען, וועלען אויך צוטרעטען צו דער ארבייט די ארבייטער פון דער קליין-טעקסטיל-אינדוסטריע...

* * *

נעכטען אין אווענד איז אויך אונטערגעשריבען געווארען דער אפמאך דורך די וויגאניע און קאמגארן שפינערייי-בעזיצער.

* * *

אין אנהייב פון דער קאנפערענץ האט דער נאטשעלניק לוטאמסקי אבגעגעבען אין נאמען פון וואיעוואדע האוקע-נאזאק א דעקלאראציע, אין וועלכער ס'ווערט ערקלערט, אז דער וואיעוואדע שטעהט אויפ'ן שטאנדפונקט אונבעדינגט אויסצו-פיהרען דעם אויפטראג פון דער רעגירונג וואס גע-פינט זיך אין ערשטען פאראגראף פון ווארשאווער פראטאקאל, לויט וועלכען דער קאלעקטיווער אפ-מאך דארף אויך ארומנעהמען די קליינע און נישט ארגאניזירטע אינדוסטריע.

דער וואיעוואדע וועט זיך נישט צוריקציהען פאר די שארפסטע מיטלען, וואס געפינען זיך אין זיין רשות און דער בעציהונג צו די פירמעס, וועל-כע וועלען זיך נישט וועלען צופאסען צו די בעשטי-מונגען פון דערמאהנטען פראטאקאל.

נאכדעם ווי ס'איז אונטערגעשריבען געווארען דער נייער אפמאך, האבען זיך די פארטרעטער פון די אינדוסטריעלער זיך געווענדעט צום ארבייטס-אינספעקטאר, אז די מאכט זאל צוריקציהען דעם פערבאט פון נאכט-ארבייט אין די שפינערייען.

אין דער תשובה האט דער ארבייטס-אינספעק-טאר ערקלערט, אז נאכ'ן 22. אפריל ד. י. וועט דער פערבאט פון נאכט-ארבייט אונבעדינגט אריין אין קראפט.

כשר לפסח

גוטער און געשמאקער

טעע

איז נור פון דער איבעראל-בעוואוסטער פירמע

ו. וויסאצקי און קאמפ.

פיהער מאסקווע
איצט לאנדאן

הנוסדה ע"י קלונמוס זאב וויסאצקי ז"ל
וועלכע איז אנערקענט אלס די בעסטע אויף דער וועלט.
ספעציעלע ערפאלג האבען די סארטען:

No 74 און No 75

אין אריגינעלע פעקלעך באנדראלירט

אין אריגינעלע פערפלאמבירטע בלעך-שאכטלען

צו בעקומען איבעראל!

צו בעקומען איבעראל!

בהכשר של הרב מרנציג ר' יעקב מאיר סגלוביץ
עם ועד הרבנים מווארשא.

כשר לפסח

כשר לפסח



ANGLAS

דעם בעסטען גענוס גיבען
שאקאלאד
און
קאקאא

בהכשר של הרב בראנציג ר' יעקב מאיר סגלוביץ
עם ועד הרבנים מווארשא.

כשר לפסח

כשר לפסח

Skład Konsygnacyjny:
SALOMON SEIDLER, Łódź, Piłsudskiego 32
tel. 221 58 i 132-30.

# הערבערט סעמועל קאנפערירט מיט מאקדאנאלד'ן וועגען די רדיפות אויף יודען אין דייטשלאנד

לאנדאן, 3. (יט"א טעלעגראפיש) הערבערט סעמועל האט אפגעהאלטען א קאנפערענץ מיט מאק־דאנאלד'ן וועגען די רדיפות אויף יודען אין דייטשלאנד.

## שטרייכער זאגט אז איבערצייגט דעם באיקאט געגען יודען

### מען וועט פערבאטען געמישטע חתונות צווישען יודען און דייטשע

בערלין, 3. (ספ. טעל.) דער אנפיהרער פון באיקאט־קאמיטעט געגען יודען אין דייטשלאנד, שטרייכער האט ערקלערט אין מינכען, אז ער האט דעם איינדרוק, אז די נאציאנאל־סאציאליסטען וועלען נישט פארזעצען מיטוואך דעם יודען־באי־קאט. דאס איז נישט אזוי לייכט צו טון, נאר אדאלף היטלער קאן אדורכפיהרען זיין פלאן שטופענווייז, די דייטשען האבען אנערקענט יודען אלס זייערע אויסגעשפראכענע פיינד.

עס וועט קומען א צייט, ווען עס וועלען זיין פערבאטען געמישטע חתונות צווישען יודען און דייטשען.

ווייטער האט שטרייכער געזאגט, אז דורכ'ן באיקאט האט מען זיך איבערצייגט אין דער אינטער־נאציאנאלער יודישער סאלידאריטעט, אויב מען זאל ווייטער פיהרען דעם באיקאט, וואלטען געקומען נישט פאראויסגעזעהענע ווירטשאפטליכע פאלגען.

## זיג פון עמיר אבדולא'ס פאליטיק

### לעג. ראט אפגעווארפן דעם פערקויף-פערבאט פון ערד צו פרעמדע

ירושלים, 3. (יט"א טעלעגראפיש) פון אמאן טיילט מען מיט, אז דער לעגיסלאטיווער ראט האט אפגעווארפען דעם פארשלאג איינצופיהרען א פער־באט צו פערקויפען ערד צו פרעמדע.

דער בעשלוס ווערט בעטראכט אלס א זיג פון עמיר אבדולא'ס פאליטיק.

## פערשטארקטע פאליציי-אויפזיכט אין ארץ-ישראל

### צוליבן אראבישען יום-טוב „נבי מוסא"

ירושלים, 3. (יט"א טעלעגראפיש) צוליב די דערנעהנטערונג פון די אראבישע פייערליכקייטען צום יום טוב פון „נביא מוזא" (נביא משה) איז פערשטארקט געווארען די פאליציי־אויפזיכט פון 3־טען ביז'ן 23־טען אפריל. אלע אורלויבען זענען צוריקגעצויגען געווארען.

## אפגעשטעלט דאס „איזראעלי־טישע פאמיליענבלאט"

לאנדאן, 3. (יט"א טעלעגראפיש) פון דייטש־לאנד טיילט מען מיט, אז דאס בעקאנטע „איזראעלי־טישע פאמיליען בלאט" האט אויפגעהערט צו ער־שיינען.

## מאסען יודען אנטלויפען פון היטלער-גיהנום

לאנדאן, 3. (יט"א טעלעגראפיש) פון קאפענ־האגען טיילט מען מיט, אז אהין זענען אנגעקומען הונדערטער אנטלאפענע יודען פון דייטשלאנד.

## יודען ווערען געטריבען אין „ברוינעם הויז"

### און ווערען געצוואונגען אליין זיך צו שמייסען

לאנדאן, 3. (יט"א טעלעגראפיש) פון מאס־געבענדע קוועלען טיילט מען מיט פון דארן, אז היטלעריסטען האבען אריינגעטריבען אין „ברוינעם הויז" צעהנדליגער יודען, און מיט רעוואלווערען אין די הענד די יודען געצוואונגען צו שמייסען איי־נער דעם אנדערען.

## לעצטער יוד. מלוכה-בעאמטער אין דייטשלאנד

### בעזייטיגט פון זיין אמט

לאנדאן, 3. (יט"א טעלעגראפיש) דער לעצ־טער יודישער מלוכה־אנגעשטעלטער אין דייטש־לאנד, דער אונטערשטאטס־סעקרעטאר פון פינאנץ־מיניסטעריום סאנדער איז בעזייטיגט געווארען פון זיין אמט.

## עלילת-דם-העצע אין דייטשלאנד

בערלין, 3. (יט"א טעלעגראפיש) די היטלע־ריסטען האבען אנגעהויבען אן עלילת־דם־העצע.


**Dr. Z. RAKOWSKI**

ספעציאליסט פאר

אוירען, נאז, האלז און לונגען-קראנקהייטען

11 ליסטאפאד 9 (קאנסטאנטינער)

טעל. 127-81

שפרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7

נעהמט אויך אן אין לאטשניצע זגערזשער 17

פון 11—1 און פון 2–3 נאכם.



„אראראט"

מ. י. ד. י. א. ס. ע.

ס'גרעסטע געשעפט ניש אין דער מאטאטש-ווילס

ווייטערס

זעה זייט 9


## דייטשע יודען לויפען נאך בעלגיען

בריסעל, 3. (ספ.) יערען טאג גיהען אריבער די דייטש־בעלגישע גרעניץ א סך דייטשע יודען.

דער דייטשער באטשאפטער אין בריסעל האט ארויסגעגעבען א קאמוניקאט אין וועלכען ער לייקענט די רדיפות אויף יודען אין דייטשלאנד.

די פרעסע ברענגט שארפע קאמענטארען צום דאזיגען קאמוניקאט און דערמאנען דעם דייטשען אולטימאטום צו בעלגיען אין יאהר 1914, הגם די דייטשען האבען פערזיכערט, אז זיי האבען נישט בדעה צו ברעכען די בעלגישע נייטראליטעט.

## א „יודישער קריגס-ראט"

לאנדאן, 3. (ספ. טעל.) פון ניו־יארק איז מודיע, אז דער בעקאנטער יודישער אדוו. [illegible] שפירא איז ארויסגעטרעטען מיט א פראיעקט צו שאפען א „יודישען קריגס־ראט" אויף אדורכצו־פיהרען א באיקאט אויף דייטשע סחורות, 80 פרא־צענט פון דייטשען אויסלענדישען האנדעל געפינט זיך אין יודישע הענד, אויף אזא אופן וואלט דער באיקאט געקאנט דעזאריענטירען דאס גאנצע יודישע באיקאט געקאנט דעזאריענטירען דאס גאנצע ווירט־שאפטליכע לעבען אין דייטשלאנד.

## בעזייטיגען יודען פון די ספארט-פערבאנדען

בערלין, 3. (ספ. טעל.) דער צוזאמענפאהר פון דייטשען פערבאנד פון אמאטאר־[illegible]פערס אין בערלין האט בעשלאסען, אז יודען זאלען נישט טארען געהערען צום דאזיגען פערבאנד.


אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו!!

זוכט נישט ביליג — נאר גוט!

אנשטאט אויסצוגעבן פיל געלד אויף רעקלאמע גיב איך

גוטען און כשר'ן וויין

ווילט איהר האבען אן אמת'ן עונג יום-טוב, דאן פאדערט איבעראל נאר דעם גוט-בעקאנטען און אויסגעצייכנטען וויין פון די פירמע

„MALWIN"

אינהאבער: ש. נייפעלד

4 צעגעלניאנא 4 אין הויף

אויך איז צו בעקומען מיין וויין צו פאבריקס-פרייזען ביי פאלגענדע פירמען:

1) דזיאלאשינסקי קילינסקיעגא 33  2) בעלכאטאווסקי נאראטאוויטשא 31

3) שיינביין נאוואמיעיסקא 27



שטרענג כשר

כשר לפסח

# בעקאנטמאכונג

נור די איינציגע ווארשטען-פאבריק אין לאדז

פון די יודישע פעראייניגטע פליישער

אונטער דער השגחה פון הרב ר' משה איטשע סטעמפאקאווסקי

מאכט בעקאנט, אז די פאבריק איז פערזעהען מיט א גרויסען אויסוואהל פון פערשידענע

ערוי־
געכערטע פליישען

כשר על חג הפסח
אפילו למהדרין מן המהדרין

מיט אכטונג: די יודישע פעראייניגטע פליישער אין לאדז.

אונזערע געשעפטען געפינען זיך:

פאבריק און צענטראלע: קילינסקיעגא 60, טעל. 137-65

פיליאלען: פיעטריקאווער 54 טעל. 137-66 | פאלודניאווא 9 טעל. 137-67 | זגערזשער 2 טעל. 149-82 | פיעטריקאווער 114 טעל. 207-79 | בזשעזשינער 25 טעל. 184-77

צעגעלניאנא 9

בעמערקונג: גלייכצייטיג מאכען מיר בעקאנט, אז מיר נעהמען אן זעמטליכע בעשטעלונגען פון אונזערע גוט בעקאנטע ווארשט-אויסארבייטונגען ווי אויך געבזעצ־שמאלץ כשר לפסח אין ספעצ־יעלע בלעכענע שאכטלען פון 45 דקא אן

אויף עקספארט

אין אלע אירדאפעאישע לענדער. פאר שטודירענדע יוגענד שיקען מיר ערויס אלס: מוסטער אהנע ווערט (Echantillon sans valeur)

בעשטעלונגען נעהמען אן די צענטראלע און אלע אונזערע פיליעס.

מיט אכטונג פעראייניגטע יודישע פליישער אין לאדז.

כשר לחג הפסח

שטרענג כשר

